בעזרת השם יתברך

פרשת כי תשא

י"ח אדר ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 14 (101)

# גליון סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער וַוייטֶער גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַ בֶּעטְלֶער, אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער, דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּרוֹיט וַוייטֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גִימַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גִינַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גִינַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אוֹיף בְּרִית'ן אוּן אוֹיף חֲתוּנוֹת. אוּן זֵיי זֶענֶען גִינַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן זֶענֶען גִינַאנְגֶען אִין שְׁטָעט אַרַיין. אוּן זֶענֶען גִינַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, אוּן זֶענֶען גִינַאנְגֶען אוֹיף דִי יְרִידִים. אוּן פְלֶעגְן זִיצְן צְווִישְׁן דִי בֶּעטְלֶערְס, אַזוֹי וִוי זֵי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי פְּרִיזְבֶּעס מִיט דִי טֶעלֶער.

'פְּרִיזְבֶּעס' - מֵיינְט לוֹיטְ'ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ, אַ בַּאנְק וואוּ מֶען זִיצְט.

בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס. וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גִיקֶאנְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גִיוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זֵי זֶענֶען פַארְפַאלְן גִיוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַּ"ל.

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד, אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט. זֶענֶען אַהִין גִינַאנְגֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַהִין גִינַאנְגֶען. אִיז גִיקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס אוֹיף דֶער דֵעָה, אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵּךְ זַיין דִי צְוֵוי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען.

### אָדֶער אַ מַלְאָךְ אָדֶער אַ גַלָּח

מִיר זֶעעֶן דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אִיז אָפְּגֶעמַאכְט 'אָדֶער בִּין אִיךְ אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער בִּין אִיךְ אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין בִּיזְנֶעס', אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט: "אָדֶער אַ מַלְאָךְ אָדֶער אַ גַלָּח". מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זַיין בֵּיידֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָא, וֶוען דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דֶעם יְרִיד אִיז זֵיי בֵּייגֶעפַאלְן אַ שִׁידוּךְ, זֵיי הָאבְּן דָארְט אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ אוּן עֶס אוֹיסְגֶעפִירְט; מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן, זַיין אוֹיפְ'ן גַאס, אוּן אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, אִינְמִיטְן דִי בִּיזְנֶעס שׁוֹי, עוֹסֵק זַיין אִין גוּטֶע זַאכְן, עוֹסֵק זַיין בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים, (וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, וָואלְטְן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם).

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה אוּן אַ וֶועג, דוּ קֶענְסְט זַיין אִינְמִיטְן אַ יְרִיד אוּן דָארְט טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן אַ שִׁידוּךְ. מֶען הָאט אַלְץ גֶעזֶען בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וָואס פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, זֵיי זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן, אַ פִישׁ סוֹחֵר, אַ פְלֵיישׁ סוֹחֵר, אַן עֶלֶעקְטֶערִישְׁן, אַ פְלָאמְבֶּער, אַ קָאנְטְרַאקְטֶער, אוּן אִינְמִיטְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָא אַ נֵייעֶ חִידוּשׁ, אַ וֶועג אַפִילוּ פַאר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן. מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶע חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ', אָבֶּער לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן וֶוער מִיר זֶענֶען, וָואס מִיר טוּעֶן, אוּן וָואס מִיר טְרַאכְטְן, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת, אַז אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, אִינְמִיטְן עֶסְן אָדֶער אִינְמִיטְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט סֵיי וָואס, טְרַאכְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ

ווִיל טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיין ווִילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט אַרוֹיס זַיין בֶּענְקְשַׁאפְט, וֶוערְט פוּן דֶעם אַזַא רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין הֶעכֶערְס פוּן דֶעם.

### גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת פוּן צַדִיקִים

הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אִין גַאס, פוּן אוֹיסֶענְוֵויינִיג קוּקְן אַלֶע אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע, אָבֶּער גֶעצֵיילְטֶע מֶענְטְשְׁן צְווִישְׁן זֵיי שָׁאקְלְט מִיט דִי לִיפְּן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן ווָאוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת?' אוּן 'מִיט וָואס אִיז דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אֵייגְנַארְטִיג?' - דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען בַּאמֶערְקְן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, עֶר גֵייט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוער שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר אַ צַדִיק! בַּיי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט דָא דִי זַאךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ 'שֶׁעמֶען' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֵייגְט אִין אוּנְז אַרַיין דִי גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת פוּן צַדִיקִים, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוֹיל".

### אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעגְט

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן אַ קָאמְפְּלִיצִירְטֶע זַאךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֵּייזֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶער ווִיל אַרַיין לֵייגְן אַ פָאדֶעם אִין אַ נָאדְל, אָדֶער אֵיינֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּקְנִיפְּן קְנִיפְּן פוּן אַ שׁוּךְ בֶּענְדְל [בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ דִי מִצְוָה פוּן אוֹיפְקְנִיפְּן פַארקְנִיפְּטֶע צִיצִית, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד דֶערְפַאר, וַוייל אַז מֶען צִיט צוּ שְׁנֶעל וֶוערְט דִי קְנִיפּ נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁוֶוערֶער], אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט, דִי פָאדֶעם גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם נָאדְל אוּן דִי קְנִיפּ עֶפְנְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַרוּם, אָדֶער אוֹיבּ זַיין וַוייבּ רוּפְט יֶעצְט - וֶועט עֶר שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר...

אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן הַאלְט אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין וַוייבּ רוּפְט אִים, זִי אִיז יֶעצְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, זִי ווִיל ווִיסְן וֶועלְכֶע פְלֵייש צוּ קוֹיפְן, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶערֶעגְט: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט נַאכְטְמָאל? אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן! דוּ קֶענְסְט מִיר אוֹיפְהֶערְן צוּ רוּפְן?!" בֶּאֱמֶת הָאט עֶס גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן קִינְד אוּן גָארְנִישְׁט מִיט זַיין וַוייבּ, זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס הָאט מִיט דִי נָאדְל, בֶּענְדְל, אוּן מִיט זַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט מִיט וָואס עֶר אִיז יֶעצְט פַארְנוּמֶען, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אוֹיס זַיין כַּעַס אוֹיף דֶעם וָואס קוּמְט אִים יֶעצְט אוּנְטֶער.

אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעגְט, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דִי פָאדֶעם זָאל אַרַיינְגֵיין אִינֶעם לָאךְ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין קִינְד הָאט גֶעמַאכְט דְרֵיי קְנִיפְּן אִין אַ שׁוּךְ בֶּענְדְל, הֶעלְף אִיךְ זָאל עֶס גְרִינְג קֶענֶען אוֹיפְקְנִיפְּן".

### ל"ו צַדִיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא דִי ל"ו צַדִיקִים וָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; בַּיים רֶבִּי'ן קֶען יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען הָאבְּן אַ בְּלוֹיעֶ הֶעמְד, אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיס צוּ זַיין פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אִידְן, עֶר אִיז דֶער פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן פָּשׁוּט אוּן זִיצְט פוּן אוּנְטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן עֶפֶּעס טוּן אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! ווִידֶער אַ צְוֵוייטֶער קוּקְט אוֹיס מֶער חָשׁוּב ווִי אִים, עֶר גֵייט אֲפִילוּ מִיט פֶּעפֶּעטֶע הוֹיזְן אוּן זִיצְט אוֹיבְן אָן, אָבֶּער זַיין קָאפּ לִיגְט אִים אִינְגַאנְצְן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

### וָואס מֵיינְט דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

וָואס מֵיינְט 'דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'? דָבוּק - טַייטְשְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט, וֶוען מֶען קְלֶעבְּט צוּ אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן, קֶען מֶען עֶס מֶער נִישְׁט צוּרִיק אוֹיפְקְלֶעבְּן אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען צֶערַייסְט עֶס; פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט גֶעהֶערִיג מִיט אַ גְרָאדֶע רִיקְן וְכוּ', אִיז עֶר נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז אוֹיסְזֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטְלִיךְ, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דֶעם וָוארְט אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, 'דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ אִינְמִיטְן זַיין פַארְנוּמֶען, צִי עֶר אִיז אַן עֶלֶעקְטֶערִישְׁן אוּן עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן פַארֶערְכְטְן וַוייעֶרְס, אָדֶער אִיז עֶר אַ בֶּעקֶער אוּן הַאלְט אִינְמִיטְן אוֹיסְמִישְׁן אַ טֵייג צוּ בַּאקְן קֶעיק, רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט דָבוּק - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיי דִי בֶּעטְלֶערְס, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי יְרִיד, דָארְט הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פוּנֶעם פַארְלוֹירֶענֶעם אִינְגְל אוּן מֵיידְל.

### דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפִירְט אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. נֶעכְטְן בַּיי דִי בָּאטֶע זָאגְט מִיר אַ בָּחוּר, עֶר דַארְף חִיזוּק אוֹיסְצוּוַוארְטְן זַיין שִׁידוּךְ, וַוייל עֶר אִיז עֶלְטֶער פוּן דֶעם חָתָן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַיין שִׁידוּךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, זַיין שִׁידוּךְ אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק! דָאס וַוייזְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים, גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז

מען מְשַׁדֵּךְ אַ בָּחור פון אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב מִיט אַ מֵיידל פון אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב, אַ בָּחור פון אַ הַאלְבֶּע שְׁטוּב מִיט אַ מֵיידל פון אַ הַאלְבֶּע שְׁטוּב, אַ גָרוּשׁ מִיט אַ גְרוּשָׁה, אַ חָלוּץ מִיט אַ חֲלוּצָה, אַ יָבָם פַאר אַ יְבָמָה... און דָא הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְֿן דֶער בָּחור הָאט בַּאקוּמֶען אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ כַּלָּה פון אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק אַז מֶען זֶעט אַז שִׁידוּכִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין בַּיי מַיין טַאטֶע׳ס מִשְׁפָּחָה דֶער עֶלְטְסְטֶער, דֶער בְּכוֹר, מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער פַאר מִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן? זָאל אִיךְ אַרִיבֶּער גֵיין הַרְג׳עֶנֶען דִי בֶּעבִּי?... וַוייל זִי אִיז יוּנְגֶער טָאר זִי נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער פַאר מִיר? דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ שִׁידוּךְ, אַז יֶענֶער אִיז יוּנְגֶער טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַ חָתָן פַאר דִיר?! פַּארְקֶערְט, נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק פון דֶעם אַז קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שִׁידוּכִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט דַארְף נִישְׁט שְׁטִימֶען, עֶס דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ פְּשַׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְֿן, און עֶר וֶועט מִיךְ אוֹיךְ הֶעלְפְֿן.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְֿן

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט פַּרְנָסָה, מֶען קֶען זֶען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אַ חָכָם מְחוּכָּם, זַיין טַאטֶע אִיז אַן עוֹשֶׁר און גֶעבְּט אִים יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר גֶעלְט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין בִּיזְנֶעס, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן גֶעלְט און עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וִוידֶער אַ צְווייטֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג וִוי אִים, אַרְבֶּעט און אִיז יָא מַצְלִיחַ, דָאס שְׁטִימְט נִישְׁט, וָואס אִיז פְּשַׁט דֶערְפוּן? עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין פַּארְקֶערְט, נָאר דָאס אִיז חִיזוּק פַאר יֶעדְן, מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶענֶעם פַּרְנָסָה, פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט מִיט יֶענֶעמ׳ס שִׂמְחָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְֿן.

און תֵּיכֶף וִוי מֶע הָאט אָנְגֶיהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גִיפֶעלְן, הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גִיוֶוען, לוּשְׁמִיר וִוי מַאכְט מֶען זֵיי חַתוּנָה.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען זֵיי חַתוּנָה? זֵיי זֶענֶען דָאךְ בֶּעטְלֶערס, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען, בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם און דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּאם מֶלֶךְ מִינִיגֶעם.

׳מִינִינֶעס׳ - מֵיינְט לוֹיט׳ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ, אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם יוֹם הוּלֶּדֶת.

וֶועלְן אַהִין גֵיין אַלֶע בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן קוּלִיטְשׁ און פְלֵייש, דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חַתוּנָה. אִיז אַזוֹי גִיוֶוען, זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערס גִינַאנְגֶען אוֹיף דִי מִינִינֶעס, און הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיבֶּעטְן פְלֵייש און בְּרוֹיט, און זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען וָואס סֶע אִיז גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, פְלֵייש און קוּלִיטְשׁ.

### ווי אַזוֹי דַארְף מֶען חַתוּנָה מַאכְן

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף חַתוּנָה מַאכְן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן חַתוּנוֹת בִּילִיג, מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר אֵיין נַאכְט. דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חָתָן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אִין יְשִׁיבָה זִיבְּן יָאר, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "**אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין שַׁבָּת בַּאוואַרְפְן; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין זָאל, מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט אֵיינְלַיידֶענֶען צוּ דִי סְעוּדָה**", הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "**מֶען מוּז מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת בַּאוואַרְפְן. אַיי, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גֶעלְט? מֶען וֶועט שׁוֹין צוּזַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט**", דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי, דָאס אִיז אַ פַארְבְּרֶעךְ, מֶען גֵייט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט, פַארְוָואס? צוּ קֶענֶען קוֹיפְן טֵייעֶרֶע וַויין און בְּרוֹינְפְן? דִי בְּרוֹינְפְן גֵייט זַיין פְרֵיילִיךְ, דִי וַויין גֵייט זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן, דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט דֶעפְּרֶעסְט. צְווֵיי סְעוּדוֹת בַּיינַאכְט און צוּפְרִי אֲפִילוּ אִין אַ קְלֵיינֶע זָאל, מִיט אַ פָּשׁוּט׳ע קֶעיטֶערִינְג, קָאסְט שׁוֹין בִּילִיגֶערְהֵייט "צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער!" עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בּוּשָׁה אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דֶעם.

דִי נַאכְט פון דִי חַתוּנָה אִין אַ גֶעהֶערִיגֶע זָאל קָאסְט "פִינְף און פֶערְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער!" מֶען הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט, אָבֶּער מֶען מוּז חַתוּנָה מַאכְן גֶעהֶערִיג... קֶענְסְט דָאךְ חַתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה וֶועט עֶס דִיר גָארְנִישְׁט קָאסְטְן, אָבֶּער וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ: "**וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן...**" גֶעבְּט מֶען אוֹיס פַאר דִי פָּאר שָׁעָה אַזוֹיפִיל גֶעלְט.

### פַארְבְּרֶענֶען גֶעלְט צוּלִיבּ פִינְף שָׁעָה

זִיךְ קוֹיפְן אַ שְׁטְרַיימְל פַאר אַכְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, קֶען מֶען נָאךְ ׳אַבִּיסְל׳ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל דָאס וֶועט מֶען כָאטְשׁ נִיצְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע פִינְף יָאר, מֶען דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט קוֹיפְן אַזַא טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְל, מֶען קֶען עֶס אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין; אָבֶּער פַארְבְּרֶענֶען גֶעלְט צוּלִיבּ פִינְף שָׁעָה פון דִי נַאכְט פון דִי חַתוּנָה, וֶועגְן ׳וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן?׳... דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בּוּשָׁה!

וֶועגְן דֶעם מַאכְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט חַתוּנָה זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער, מֶען שִׁיקְט זֵיי עֶנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִיס, וִוי דִי טָאכְטֶער וֶועט דָארְט בַּאפְרַיינְדֶעט וֶוערְן מִיט אִיר בַּעַל הַבַּיִת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַבִּי מֶען זָאל קֶענֶען אָנֶועק לֵייגְן גֶעלְט צְווֵיי יָאר, און נָאכְדֶעם קֶענֶען מַאכְן אַ טֵייעֶרֶע תְּנָאִים און אַ טֵייעֶרֶע חַתוּנָה...

דִי זֶעלְבֶּע טוּט מֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, זָאלְן זֵיי וַוארְטְן אַפָּאר יָאר בִּיז מֶען וֶועט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט אַ שִׁידוּךְ צוּ טוּן, און קֶענֶען קוֹיפְן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען פַאר דִי כַּלָּה... אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען קֶען חַתוּנָה מַאכְן גְרִינְג, נֶעם אַבִּיסְל שְׁרַיִים פון דָא און דָארְט און מַאךְ אַ חַתוּנָה.

#### בְּרֶענְגֶען נָאךְ בָּחוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט...

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט וָואס זַיין מַגִיד שִׁיעוּר הָאט גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, "דֶער עִיקָר לֶעבְּן אִיז אַלְס בָּחוּר, דֶעמָאלְט דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט דָא וואוּ זִיךְ צוּ יָאגְן צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז נָאר כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען נָאךְ בָּחוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט"... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צִי אִיךְ זָאל לַאכְן אָדֶער וֵויינֶען, אַזוֹי צוּ רֶעדְן?! בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועוְן דֶער עִיקָר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וַוייל אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא עב:): וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הֵיילִיג.

#### סַם הַמָּוֶת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר: "אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועל אִיךְ דִיר גְלֵייבְּן, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַ בָּחוּר אוּן מִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט גְלֵייבְּן".

נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אֵיי, אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, מוּז זַיין אַז דֶער חָתָן מַדְרִיךְ הָאט זֵיי נִישְׁט מַדְרִיךְ גֶעוֶועוְן רִיכְטִיג, עֶר הָאט סְתַּם פַאְרְדְרֵיידְט דֶעם קָאפּ אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט אוּן יֶענְץ טָאר מֶען נִישְׁט, קוּמְט אוֹיס מֶען בְּלַייבְּט אַ בָּחוּר מִיט אַ וַוייבּ, דֶער חָתָן מַדְרִיךְ טוּט זִיךְ אָן 'בְּאִצְטְלוּתָא דְרַבָּנָן', מִיט סְטְרָאקֶעס... אוּן פַארְקוֹיפְט סַם הַמָּוֶת, נָאכְדֶעם פַאלְט דֶער אִינְגֶערְמַאן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, קֶען מֶען זַיין זוֹיבֶּער אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

#### מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען נִישְׁט צוּקוּקְן אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, קוּמְט עֶר אוּן מַאכְט אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַנְטְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ, 'אִיךְ גֵיי זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מַיין וַוייבּ, אִיךְ גֵיי אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ֶען מִיט אִיר, אִיךְ וֶועל אִיר אֵייבִּיג גֶעבְּן גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי דֶערְלֵייגְן דֶערְפוּן'. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מִיט אַ וַוייבּ טַעְנָה'ט מֶען נִישְׁט, מֶען מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ, מֶען גֶעבְּט אִיר אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִי שׁוֹין קוּמֶען זָאגְן אַז זִי זֶעט אֵיין אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶועוְן גֶערֶעכְט. דָאס אַלֵיינְס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף מַיין וַוייבּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

בס"ד

כולל
היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה
לידידינו היקר
מוה"ר לייבי ליבערמאן שליט"א
שנדב סכום הגון לכוללינו



קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876